# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ויחי תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 465



ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'וידוי שכיב מרע' פארן זיך לייגן

"וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת וַיִּקְרָא לִבְנוֹ לְיוֹסֵף וַיֹּאמֶר לוֹ אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי וְעָשִׂיתָ עִמָּדִי חֶסֶד וֶאֱמֶת אַל נָא תִקְבְּרֵנִי בְּמִצְרָיִם" (מז כט)

די חכמים זאגן (ב"ר צו ב): "אלע ווייסן און זאגן ארויס מיט זייער מויל אז זיי גייען שטארבן; אברהם האט געזאגט (בראשית טו ב): 'וְאָנֹכִי הוֹלֵךְ עֲרִירִי', יצחק האט געזאגט (שם כד ו): "וַאֲבָרֶכְכָה לִפְנֵי ה' לִפְנֵי מוֹתִי", אויך יעקב האט געזאגט: 'וְשָׁכַבְתִּי עִם אֲבֹתַי', ווען? 'בשעה שנטה למות', פארן שטארבן".

דאס וואס דער מדרש באטאנט אז יעקב האט נישט דערמאנט זיין שטארבן ביז די "שעה שנטה למות", ערקלערט **רבי אריה יהודה לייב תאומים**, בראדער רב:

עס זענען דא וואס פירן צו זאגן יעדע נאכט פארן שלאפן דעם נוסח הוידוי וואס א קראנקער זאגט ווען עס דערנענטערט זיך די צייט פון זיין פטירה ['וידוי שכיב מרע']. אבער דער 'מגן אברהם' (רלט ז) שרייבט מען זאל נישט זאגן דעם נוסח, ווייל צווישן די ווערטער זאגט מען: "ואם אמות תהא מיתתי כפרה..." (ראה יו"ד שלח ב), און די חכמים זאגן (ברכות כ ב) מען זאל נישט זאגן אזוי, ווייל דער וואס זאגט אזוי געבט די מעגליכקייט פארן שטן מקטרג זיין אויף אים מען זאל אים שטראפן אויף זיינע זינד.

אברהם און יצחק האבן נישט מורא געהאט דערמאנען די יום המיתה, ווייל זיי זענען געווען חשוב ווי מתים; אברהם ווייל ער האט נישט געהאט קיין קינדער, און יצחק ווייל ער איז געווען בלינד, און די חכמים זאגן דאך (נדרים סד ב) אז איינער וואס איז בלינד און דער וואס האט נישט קיין קינדער ווערן גערעכנט ווי טויטע. אבער יעקב האט נישט געמעגט אזוי רעדן צוליב 'אל תפתח פה לשטן', דערפאר באטאנען די חכמים אז ער האט דאס דערמאנט נאר הארט בעפאר זיין פטירה.

'יעלת חן'

### נאר הקב"ה איז בוחן ליבות

"וַיֹּאמֶר הִשָּׁבְעָה לִי וַיִּשָּׁבַע לוֹ וַיִּשְׁתַּחוּ יִשְׂרָאֵל עַל רֹאשׁ הַמִּטָּה" (מז לא)

רש"י ערקלערט (ע"פ שבת יב ב) אז יעקב האט זיך געבוקט צו די זייט פון די שכינה וואס רוהט צו קאפ'ענס פון דעם קראנקן.

די סיבה פארוואס דער אויבערשטער רוהט צו קאפ'ענס פונעם קראנקן, ערקלערט **רבי ר' יהונתן אייבשיץ**:

א געזונטער מענטש וואס האט די כח אויסצופירן זיינע רצונות מן הכח אל הפועל, דערמאנען די מלאכי רחמים זיינע מעשים און זענען מעלה זיינע תפילות פארן בעל הרחמים. אבער א חולה וואס קען נישט דאווענען און מקיים זיין מצוות אזוי ווי ער וויל, קומט הקב"ה רוהען העכער זיין קאפ צו הערן זיין תפילה און זען זיין רצון, ווייל די מלאכים ווייסן נישט די מחשבות פון א מענטש, נאר הקב"ה אליין וואס ער איז דער בוחן ליבות (ראה: תוספות שבת יב ב ד"ה שאין; 'שפת אמת' שם).

דער '**בית ישראל**' דער גור'ער רבי פלעגט צו דעם צולייגן און זאגן:

היינט וואס די 'נפש' פון אלעמען איז קראנק; מיר זענען קראנק ביים לערנען, מיר זענען קראנק ביים דאווענען און מיר זענען קראנק אין אונזער גאנצע אידישע אויפפירונג - האבן מיר נישט קיין אנדערע וועג נאר אז די שכינה זאל קומען רועהן העכער אונזער קאפ...

'תפארת יהונתן'; 'פאר ישראל' ח"ב עמ' רצז

### ש"י עולמות

"**אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי וְעָשִׂיתָ עִמָּדִי חֶסֶד וֶאֱמֶת אַל נָא תִקְבְּרֵנִי בְּמִצְרָיִם**" (מז כט)

**רבי משה חרירי** פון די קורדיסטאנער רבנים לערנט זיך ארויס פון דער פסוק א רמז אויף די מעלה פון ענטפערן אמן:

די אותיות פון די ווערטער "שִׂים נָא" וואס יעקב האט געזאגט פאר יוסף בעפאר זיין הסתלקות, זענען ווי די אותיות פון די ווערטער "אמן ש"י". מיט דעם האט יעקב מרמז געווען אז דער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין וועט באקומען אויף דעם די שכר פון ש"י עולמות אין עולם הבא (ראה עוקצין ג יב), אזוי ווי די חז"ל זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כחו פותחין לו שערי גן עדן".

'ויבחר משה' [מהד' אהבת שלום] עמ' שכ

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### די מקור פון די ווערטער 'א-ל מלך נאמן'

אין אונזער שפראך זענען פארהאן אסאך ווערטער וואס זענען "ראשי-תיבות" און זיי ווערן געזאגט אזוי ווי זיי זענען געשריבן, אזוי ווי 'חז"ל', אדער 'רש"י', אן מען זאל דארפן ערקלערן די באדייט וואס באהאלט זיך אונטער די ר"ת. עס איז גענוג מ'זאל זאגן די ראשי תיבות און אלע וועלן פארשטיין די כוונה פון די ווארט.

א אור-אלטע ביישפיל אויף דעם איז די הייליגע ווארט 'אמן'. מיר זאגן עס אסאך, אבער נישט שטענדיג געדענקט מען אדער מען טוט אנמערקן, אז עס רעדט זיך פון ראשי תיבות. אין מסכת שבת (קיט ב) לערנט אונז די גמרא אז 'אמן' איז ראשי תיבות: "א-ל מלך נאמן". רש"י (שם ד"ה א-ל) ערקלערט אז די גמרא מיינט נישט נאר צו זאגן א רמז, נאר עס איז טאקע אזוי, ענטפערן אמן איז א עדות אז הקב"ה איז "א-ל מלך נאמן". אנשטאט זאגן נאך יעדע ברכה "א-ל מלך נאמן" האבן די חכמים מתקן געווען עס זאל נכלל ווערן אין די ווארט 'אמן'.

איך האב אמאל געפרעגט פון א תלמיד חכם, וואס איז די מקור פון זאגן "א-ל מלך נאמן". עס ווערט טאקע דערמאנט אין גמרא, אבער אויב אמן איז זייער ר"ת, מוז עס האבן מער א פריערדיגן שורש, ווייל די ווארט אמן ווערט דערמאנט אין תורה, נביאים און כתובים.

יענער איד האט מיר געוויזן א וואונדערבארן חידוש וואס רבי יהודה בן רבי יקר, דער רבי פונעם רמב"ן שרייבט אין זיין פירוש אויף די סדר התפילה (ח"א עמ' ט), און דאס זענען זיינע ווערטער:

בעפאר די פטירה פון יעקב ווען ער האט געוואלט בענטשן זיינע קינדער האט ער צו זיי געזאגט (בראשית מט א): "האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים". די גמרא (פסחים נו א) שילדערט אז ווען יעקב האט געוואלט אויסזאגן די 'קץ הגלות' איז די שכינה אוועק פון דארט. ווען יעקב האט דאס געזען, האט ער מורא געהאט אפשר איז די שכינה אוועק צוליב א פעלער אין זיינע קינדער, און האט אנגעפרעגט זיינע קינדער אויף דעם. האבן זיינע קינדער אים געענטפערט: "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד". ווען יעקב האט דאס געהערט, האט ער געלויבט און געזאגט: "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד".

אויף די ווערטער פון די גמרא לייגט צו רבי יהודה בן רבי יקר א וואונדערבארן אויפדעקונג: ווייל די קינדער פון יעקב האבן פארשטאנען אז זייער פאטער וועט זיי נישט אנטפלעקן דעם זמן פון די גאולה, דערפאר בעפאר זיי האבן געזאגט: "שמע ישראל", האבן זיי צוגעלייגט: "א-ל מלך נאמן!" ד.מ. צו זאגן: טראץ מיר ווייסן נישט דער זמן פון די גאולה, זענען מיר פארזיכערט און מיר גלייבן מיט אונזער גאנצע הארץ אז הקב"ה איז באגלייבט צו מקיים זיין זיין הבטחה און וועט אונז אויסלייזן ווען ער וועט וועלן.

די שטארקע דעקלאראציע פון אמונה פון יעקב'ס קינדער איז פאקטיש די סוד פון די ווארט אמן. ווען מיר ענטפערן אמן, פארבינדן מיר זיך צו די צוועלף שבטי י-ה, וואס זענען געשטאנען ארום דעם בעט פון יעקב זייער פאטער און אויסגערופן אז אפילו אויב זיי ווייסן נישט און פארשטיין נישט, דאך גלייבן זיי! און אויך מיר מאמינים בני מאמינים, זענען אונז ממשיך צו גיין אויף זייער וועג און מיר זענען מקפיד צו ענטפערן אמן מיט אמונה!

**מיט א רוף 'א-ל מלך נאמן'**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# די פקדון איז באצאלט געווארן אין די ריכטיגע צייט

די פאלגנדע וואונדערליכע מעשה, וואס קען אונז דערציילן דעם געוואלדיגן כח התפילה בכלל און פון ענטפערן אמן בפרט, איז דערציילט געווארן דורך דער ברודער פון די בעלת המעשה, רבי יואל מארטין שיחי' פון לעיקוואד, און דורך דעם באקאנטן מגיד, הרב פסח קראהן שליט"א, וואס זיי ביידע זענען ערשטהאנטיגע עדות דערויף.

מיט עטליכע חדשים פריער, איז ר' יואל'ס יונגערע שוועסטער, פרוי ר. געפארן מיט איר פאמיליע אויף אפרוה אין דער שטאט מיאמי אין פלארידע. אינמיטן די וואקאציע האט זי זיך מיטאמאל נישט גוט געפילט און מען האט איר שפיטאליזירט, ווען זי איז אנגעקומען אין שפיטאל איז איר גאנצע קערפער-סיסטעם צוזאמגעפאלן און איז אריבער א הארץ אטאקע ל"ע. דערנאך וואס דאקטוירים האבן געארבעט שווער האט די הארץ און די קערפער צוריק אנגעהויבן פונקציאנערן, אבער איר מח איז ליידער געשעדיגט געווארן.

עטליכע וואכן איז זי געלעגן אומבאוואוסטזיין, און נאכדעם וואס די ארטיגע דאקטוירים האבן געבראכן זייערע הענט מיט פארצווייפלונג, איז זי אריבערגעפירט געווארן צו די שפיטאל אין ניו יארק, און דארט, נאך גרונטליכע אונטערזוכונגען זענען די דאקטוירים געצווינגען געווען צו דערציילן פאר די פאמיליע מיטגלידער איבער זייער קלארע דיאגנאז: "די מח איז טויט", האבן



די קבר פון רבי יעקב יוסף רב פון ניו יארק, אויפן בית החיים אין קווינס

זיי געזאגט, "עס איז נישטא קיין איין שאנס פון ערהוילונג, עס האט נאכנישט קיינמאל פאסירט אז איינער זאל אויסגעהיילט ווערן פון אזא סיטואציע", האבן זיי צוגעגעבן.

מען דארף נישט שילדערן דעם שרעקליכן צער וואס האט ארומגענומען די משפחה מיטגלידער. א יונגע טעטיגע מאמע פון יונגע צווילינג קינדער, זאלן די דאקטוירים אויפגעגעבן זייער האפענונג אויף איר לעבן.

אכט יאר פריער איז די שוועסטער פון פרוי ר. נפטר געווארן פון א שווערע קראנקהייט, אויך זי אינמיטן אירע יונגע יארן ל"ע. אין די תקופה וואס זי איז קראנק געווען האבן זיך צוזאמענגענומען צענדליגע פון אירע חבר'טעס מיט פאמיליע מיטגלידער און באשלאסן צו גרינדן א 'חבורת אמן' פאר איר רפואה, אין די ראם פון די 'חבורה' פלעגן זיי זיך צוזאמענעמען יעדן אינדערפרי צו זאגן די ברכות השחר צוזאמען פאר איר רפואה. צענדליגער טויזנטער 'אמן' זענען געענטפערט געווארן פאר איר זכות, און דערנאך וואס די גזירה איז נעבן נגזר געווארן, האבן די פרויען באשלאסן ווייטער צו זאמלען זכיות לעילוי נשמת פון די נשמה, און אויך אנגערופן די 'חבורה' אויף איר נאמען: 'חבורת אמן - אוהל שרה'. יעצט ווען עס איז באקאנט געווארן די שווערע צושטאנד פון איר שוועסטער, טראץ די ווערטער פון די דאקטוירים, האבן די פרויען באשלאסן זיך נישט מייאש זיין און אריבער פירן די פיל זכויות לרפואת איר שוועסטער.

די פרויען פון אט די טייערע 'חבורה' וואס זענען שוין געווען ווי איין 'פאמיליע' האבן באשלאסן צו טון נאך עפעס. זיי האבן ארגאניזירט א חיזוק-רייזע צו די קבר פון דער 'רב הכולל' פון ניו יארק, דעם בארימטן גאון רבי יעקב יוסף זצ"ל, וואס זיין מסירות נפש אויף אויפבויען אידישקייט אין די אמעריקאנער גלות שטייט נאך היינט פאר די אידן אין אמעריקא ביזן היינטיגן טאג. און מען האט אויך געבעטן פון א משפחה באקאנטן, דעם באקאנטן מגיד רבי פסח קראהן, ער זאל באגלייטן די רייזע מיט דברי חיזוק והתעוררות.

אויפן וועג צום בית החיים אין קווינס, צו די קבר פונעם צדיק, האבן זיי נישט געקענט נישט טראכטן פון די צער פון די מאמע פון פרוי ר. וואס האט שוין פארלוירן איין טאכטער, און האלט יעצט ביים פארלירן די צווייטע. טראץ דעם פארצווייפלטן מצב, האבן זיי באשלאסן צו דאווענען מיט'ן גאנצן הארץ פארן אייבערשטן דער כל יכול, מיט די ריכטיגע אמונה אז ער האט די כח צו מחיה מתים זיין ברחמים רבים, אזוי וועט ער קענען ראטעווען די פרוי ר. פון דעם מצב וואס די דאקטוירים באטראכטן דאס ווי טויט - צום לעבן.

אויפ'ן וועג זענען זיי געווען ביי נאך קברים פון עטליכע אמעריקאנער צדיקים, די גאונים רבי אברהם פאם, רבי יעקב קאמינעצקי, און רבי העניך לייבאוויטש - א תלמיד פון חפץ חיים, וואס דער זיידע - פון פרוי ר. - רבי צבי הירש, איז געווען איינער פון זיינע נאנטע און גרויסע שטיצער'ס. ביי די אלע קברים וואו זיי זענען געווען, האבן זיי דערמאנט די זכיות פון די קראנקע, און געדאוונט פון טיפן הארצן פאר איר רפואה.

צום סוף פון דער נסיעה איז אנגעקומען דער קלימאקס פון די רייזע. נאכן הערן ווארעמע דברי חיזוק, וואס האט צוגעברענגט צו טרערן אין די אויגן פון די פארזאמלטע, האט ר' פסח אנגעהויבן זאגן מיט התרגשות קאפיטל כ"ג אין תהילים: "מזמור לדוד ה' רועי לא אחסר", ווען אלע זאגן אים נאך מיט טרערן אין די אויגן.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו די פסוק "גם כי אלך בגיא צלמות לא אירע רע...", האט זיך פלוצלינג געהערט א טעלעפאן קלינג, און גלייך נאכדעם א שרעקליכן געשריי. רבי פסח האט זיך אפגעשטעלט מיט שרעק; "וואס איז געשען", האט ער געפרעגט ווען א בלאסקייט פארשפרייט זיך איבער זיין פנים, און דער ענטפער וואס ער האט באקומען האט אים צומישט: "די פאציענט בכבודה ובעצמה האט געקליגען...", האבן די פרויען געזאגט, ווען א צומישעניש און איבערראשונג זעהט זיך אן אויף זייערע פנימער.

"א גוטן מאמי, דא רעדט ר. ..." - דאס אלעס האט די מאמע אנגעיאגט צו הערן איידער דער טעלעפאן איז אראפגעפאלן פון איר האנט. ווען זי איז נאך געווען אינגאנצן שאקירנד, האט איינער זיך אנגעטראגן איר צו פירן אין שפיטאל. פון זייער זייט, די פרויען וואס האבן געזען דעם אפענען נס פאר זייערע אויגן, האבן באשלאסן צו פארזעצן יעצט די תפילות צו דאווענען מער שטערקער פאר איר גענצליכע ערהוילונג.

די פאמיליע מיטגלידער האבן זיך געאיילט צו פארן אין שפיטאל, וואו זיי האבן געטראפן די דאקטוירים אין א פאניק. זיי האבן אויך נישט געקענט גלייבן וואס עס האט פאסירט אנטקעגן זייערע אויגן. די 'טויטע' האט זיך אויפגעוועקט און צוריק אויפגעלעבט געווארן.

אין די קומענדיגע טעג איז די צושטאנד פון פרוי ר. פארבעסערט געווארן מער און מער, כאטש איר כח פון זעהן האט זי נאכנישט צוריק באקומען, האט זי געקענט רעדן מיט אירע פאמיליע און אפילו געדענקען אסאך איינצעלהייטן פון דער פארגאנגענהייט.

די פרויען פון 'חבורת אמן' האבן זיך דערמאנט אז נאך די פטירה פון די שוועסטער האבן זיי געפרעגט פון איינעם פון די גדולי הדור: "וואו זענען די אלע טויזנטער זכותים וואס האבן זיך אנגעזאמלט זינט דער גרינדונג פון די חבורה?", און דער ענטפער וואס זיי האבן באקומען איז געווען קלאר: "די אלע זכיות ווערן אוועקגעלייגט אין דער 'באנק', און זיי וועלן אויפטון אין דעם ריכטיגן מאמענט". יעצט איז אנגעקומען דער ריכטיגער מאמענט וואס זיי האבן געווארט.

דער מגיד רבי פסח קראהן דערציילט ווייטער:

"אויפצומארגנ'ס בין איך געגאנגען באזוכן די קראנקע אין שפיטאל. איך האב געמוזט זען דעם וואונדערליכן נס מיט די אייגענע אויגן. ווען איך בין אריין צו איר צימער, איז זי געליגן אויסגעמאטערט, און ווענדיג אריין בלאזן אין איר א פרייליכע גייסט האב איך זיך אנגערופן מיט א שמייכל אויף די ליפן: 'איך בין דאך א מוהל, יעצט האסטו צוויי צווילינג מיידלעך, בעזרת השם יתברך ווען עס וועט דיר געבוירן ווערן א זון, זאג איך צו אז איך וועל אים דער מוהל אומזינסט, אן קיין געלט...'. און איך האב אויך אראפגעלייגט מיין מוהל-קארטל נעבן איר בעט. צו אלעמענ'ס וואונדער, אין יענעם מאמענט האט די קראנקע צום ערשטן מאל באוועגט איר האנט און גענומען מיין מוהל-קארטל".

ביים דערציילן די געשעהניש, האט דער ברודער שיחי' צוגעגעבן: מיין שוועסטער פרוי ר. האט נאך א לאנגע וועג צו גיין ביז זי וועט האבן א גענצליכע רפואה, אבער דערנאך וואס מיר האבן אפן געזען אז די תפילות העלפן און טוהן אויף למעלה מדרך הטבע, זענען מיר ממשיך ווייטער מיט אלע כוחות צו דאווענען. און מיר בעטן אויך פון דער ציבור זאל ווייטער דאווענען פאר חיה רייזל בת דינה, זי זאל האבן א רפואה שלמה, און זיך ווי אומשנעלסטן אומקערן צו איר צושטאנד געזונט און פריש אזוי ווי זי איז געווען איידער זי איז קראנק געווארן".

'ווי העמודים וחשוקיהם' לח עמ' קכ

## ענטפערן אמן נאך א ברכה אויף א מאכל איסור

**א. דער וואס עסט במזיד א מאכל אסור, זאל נישט זאגן א ברכה ראשונה און נישט א ברכה אחרונה, ווייל זיין ברכה איז א ניאוץ, מיט די ברכה דערצערנט ער הקב"ה. און אויב ער האט יא געזאגט א ברכה ענטפערט מען נישט אמן נאך זיין ברכה.**

מקורות וביאורים:

מיר האבן געלערנט א ברייתא (ב"ק צד א): "הרי שגזל סאה של חטים, טחנה, לשה ואפאה והפריש ממנה חלה. כיצד מברך? אין זה מברך אלא מנאץ, ועל זה נאמר (תהלים י ג): "ובוצע [=גזלן] ברך נאץ ה'". למעשה קריגן זיך ארום די ראשונים ווען איינער איז עובר און עסט במזיד א מאכל איסור צי ער דארף זאגן אויף דעם א ברכה: לויטן רמב"ם (ברכות א יט) זאגט מען נישט א ברכה אויף א מאכל איסור, נישט קיין ברכה ראשונה און נישט קיין ברכה אחרונה. לויט דעם, די כוונה פון די ווערטער אין די ברייתא "כיצד מברך? אין זה מברך אלא מנאץ" איז אזוי: וויאזוי קען זיין אז אויף אים ליגט א חוב צו זאגן ברכות הנהנין? ער דערצערנט דאך מיט זיין ברכה ('כסף משנה' שם). אבער דער ראב"ד (שם) קריגט אויפן רמב"ם און האלט אז דער וואס איז עובר און עסט א מאכל איסור דארף אויף דעם זאגן א ברכה ווי די הלכה איז, פארן עסן און אויך נאכדעם. לויט די שיטה מיינט די ברייתא צו זאגן אז ריכטיג טאקע אז דער וואס עסט א מאכל איסור, איז זיין ברכה א ניאוץ, פון דעסטוועגן מעג ער נישט עסן אן קיין ברכה (רא"ש ברכות ז ב). לויטן ט"ז (או"ח קצו א) קריגט דער ראב"ד אויפן רמב"ם נאר ווען איינער עסט א איסור בשוגג, אבער ווען איינער עסט במזיד, איז ער מודה צום רמב"ם אז ער זאגט נישט א ברכה, און זעה די קומענדיגע הלכה. אבער אין מקורות וציונים אין רמב"ם מהדורת פרנקל צייכענען זיי צו אז פון די ווערטער פון דער המאירי (ב"ק צד א) זעהט אויס אז לויטן ראב"ד זאגט מען א ברכה פארן עסן און נאכן אויך ווען מען עסט א מאכל איסור במזיד. און זיי צייכענען דארט אן נאך פוסקים וואס האלטן אזוי.

דער 'כסף משנה' שרייבט דארט אז דער רמב"ם מיינט נישט צו זאגן אז מען טאר נישט זאגן א ברכה אויף א מאכל איסור "אלא לומר שאין צריך לברך עליה". דער 'פרי מגדים' (או"ח א"א ריש סי קצו) האט פון דעם פארשטאנען אז דער רמב"ם האט נאר געמיינט צו זאגן אז דער וואס עסט א מאכל איסור איז פטור פון א ברכה, אבער אויב ער וויל זאגן א ברכה, מעג ער יא, און בלייבט ביי א צ"ע.

להלכה פסק'נט דער 'שלחן ערוך' (קצו א) אזוי ווי דער רמב"ם אז מען זאל נישט זאגן א ברכה אויף א מאכל איסור, נישט קיין ברכה ראשונה און נישט קיין ברכה אחרונה. די הלכה איז שייך סיי אויב דער מאכל איז אסור מדאורייתא צי מדרבנן, און סיי אויב דער מאכל זעלבסט איז א מאכל היתר, נאר דער מענטש האט עס גע'אסר'ט אויף זיך מיט א נדר אדער א שבועה ('משנה ברורה' שם א, מתוספתא דמאי ב יד). לויט דעם פסק'נט דער 'משנה ברורה' (שם ב, מתוספתא שם) אז מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך איינער וואס זאגט א ברכה אויף א מאכל איסור.

דער 'פרי מגדים' (שם משב"ז א) שרייבט אז אויף א מאכל היתר וואס נאר צוליב דער 'זמן' איז עס אסור, צ.ב.ש. איינער וואס עסט אין יום כיפור ווען ער האט נישט קיין היתר, קען מען זאגן אז דער רמב"ם איז מודה אז מען דארף זאגן א ברכה. לויט דעם שטייט אין ספר 'לקט הקמח החדש' (קכד כג) אז דער וואס הערט אזא ברכה דארף ענטפערן אמן, איבערהויפט אז דעם מברך קען מען דאך דן זיין לכף זכות אז מען האט אים מתיר געווען צו עסן צוליב א סכנה. אבער דער 'מטה אפרים' (תרב כד) האלט אז אויך דער וואס עסט א מאכל היתר אין א זמן איסור, זאל נישט זאגן א ברכה.

•

**ב. דער וואס עסט בשוגג א מאכל אסור, דארף זאגן א ברכה אחרונה נאכן עסן אויך אויב ער איז געוואר געווארן אז ער האט געגעסן א איסור, און עס איז קלאר אז מען ענטפערט אמן נאך זיין ברכה.**

מקורות וביאורים:

טראץ דער רמב"ם האלט (שם) אז מען זאגט נישט קיין ברכת המזון אויך נאכן עסן בשוגג א מאכל איסור, איז מכריע דער 'שלחן ערוך הרב' (שם א) און דער 'משנה ברורה' (שם ד) אזוי ווי דער ט"ז, אז דער וואס עסט א מאכל איסור בשוגג זאל זאגן א ברכה אחרונה. ווייל א ברכה אויף עסן בשוגג א מאכל איסור ווערט נישט אנגערופן א ניאוץ.

# גדול העונה

פון די ווערטער פון רבנים און צדיקים אויף ענטפערן אמן

## אמן – צוויי מענטשן צוזאמען

אלע ווייסן און איינערקענען די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן אמן, חז"ל רעדן פון דעם זייער זייער גרויס, אזוי ווייט אז זיי האבן געזאגט (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מהמברך", און מען דארף פארשטיין מיט וואס איז עס גרעסער פון די ברכה, און וואס איז די סוד פון איר געוואלדיגע מעלה.

מען קען זאגן, ווען איינער ענטפערט אמן מיט כוונה נאך א ברכה פון זיין חבר, רופט ער אויס אז ער שטעלט זיך צו צו זיין חבר'ס ברכות, דערפאר איז עס גערעכנט ווי צוויי מענטשן האבן צוזאמען געזאגט יענעם ברכה.

די אחדות פון די צוויי מענטשן אין איין ברכה, וואס ווערט געטון דורך ענטפערן אמן, איז א זאך וואס איז נישטא אין זיין גלייכן, דערפאר איז אין א אמן דא דעם וואונדערליכן כח מער ווי אין א ברכה, א ברכה איז טאקע זייער א וויכטיגע זאך, אבער די מעלה פון אחדות פון צוויי מענטשן אויף די זעלבע ברכה, דאס איז אמן.

אבער כדי דער 'מברך' מיט 'עונה' זאלן זיך קענען באהעפטן צוזאמען, דארף מען מקפיד זיין ענטפערן אמן מיט כוונה. צ.ב.ש. ווען דער חזן זאגט: "ברוך אתה ה' מגן אברהם", דארף מען אינזין האבן: 'אמן, עס זאל זיין געלויבט די נאמען פון ה' וואס ער איז מגן אברהם'. דאס איז ביי ברכות השבח, און ווען מ'קומט אן צו ברכות פון בקשה, צ.ב.ש. 'אתה חונן לאדם דעת ומלמד לאנוש בינה, חננו מאיתך חכמה בינה ודעת, בא"י חונן הדעת', דארף מען אינזין האבן: 'עס איז אמת אז השי"ת שענקט פארשטאנד, ויהי רצון אז מיר זאלן אויך זוכה זיין צו פארשטאנד' (משנ"ב קכד ו). און אזוי ביי יעדע ברכה דארף מען אינזין האבן לויט ענין.

צו דעם, ביים ענטפערן אמן רופן מיר אויס אז אלעס איז פון ה' אליין. ווייל די גאנצע עבודה ביים דאווענען איז וואס מיר זאגן אז עס איז



**הגאון רבי משה הלל הירש שליט"א**
ראש ישיבת סלבודקא

נישט פאראהן קיין זאך וואס מיר קענען טוהן אליין, נאר מיר זענען אינגאנצן אנגעהאנגען אין השי"ת, און אן אים זענען מיר גארנישט. דאס איז אויך די עבודה פון 'אמן', וואס מיר זאגן פאר הקב"ה מיר זענען גארנישט און אלעס איז געוואנדן אין דיר.

ווען מען ענטפערט אמן אויף די ברכות בשעת'ן דאווענען רופט אויס דער גאנצער ציבור אז הקב"ה איז אלעס, און "אין עוד מלבדו".

דאס איז די גרויסקייט פון אמן, און ב"ה אז די 'אמן' האט אזא וואונדערליכן ארגאניזאציע וואס זארגט זיך אויף דעם, דאס ברענגט זיכער כבוד פאר הקב"ה און איז מקרב די גאולה.

פון זיינע ווערטער ביי א צוזאמקום פון 'בני אמונים' אב תשע"ה

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

### בכל מידה ומידה

די חכמי המשנה (ברכות נד א) לערנען ארויס פון דער פסוק (דברים ו ה) "ובכל מאדך", בכל מדה ומדה תהא מודד לו, וויאזוי הקב"ה פירט זיך מיטן מענטש, סיי גוט'ס און סיי שלעכט'ס, דארף ער אים לויבן.

רבי משה אריה לייב ליטש רוזנבוים בעל 'אמרות ה'' שרייבט אין זיין צוואה, וואס איז געדרוקט געווארן אין סוף ספר 'אלה דברי שמואל', אונטערן נאמען קונטרס 'בני יהודה' (אות מ) אז אויף דער יסוד איז מרמז דער פסוק (תהלים פט נג): "ברוך ה' לעולם אמן ואמן", אמן איז ר"ת "אם מודד נעים", און אויך "אם מודד נוראים", ד.מ. סיי אויב השי"ת שיקט אים גוט'ס און סיי חלילה שלעכט'ס, שטענדיג "ברוך ה' לעולם". אין די ענדע פון זיין צוואה זאגט ער נאכאמאל דעם יסוד און שרייבט אויף דעם גראמען:

**"בטחו בה' בכל עת ובישועתו תתאמרו,**

**'ברוך ה' לעולם אמ"ן ואמ"ן' תאמרו,**

**אם מודד נעים ואם מודד נוראים זמרו,**

**כי הכל לטובה, לבניו לאמר להם תטהרו"**

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

צו די מערכת פון די גליון "וכל מאמינים"

רוב שלום וברכה

אין דעם גליון נומ' 458 - פרשת חיי שרה, אין דער אפטיילונג "פתחו שערים", האט דער נשיא און גרינדער פון בני אמונים, הרב יעקב דוב מרמארשטיין שליט"א דערציילט א מעשה וועגן א בחור וואס האט געפונען זיין שידוך א דאנק דעם וואס ער האט אויף זיך מקבל געווען צו זאגן די 'ברכות השחר' יעדן אינדערפרי מיט א חברותא. איך בין זיכער אז אסאך פון אייך זענען איבערגענומען געווארן פון די מעשה, און פון די וואונדערליכע רמזים וואס איר האט צוגעלייגט און צוגעשטעלט דערוועגן.

אין יענעם שבת האב איך זיך געטראפן מיט מיין חבר, און מיר האבן גערעדט וועגן דעם ענין. צו מיין וואונדער האט מיין פריינד מיר דערציילט וועגן זיך, אז אויך זיין אייגענעם שידוך האט זיך פארשלעפט; זיינע חברים זענען געווארן חתנים איינער נאכן צווייטן, און ער אליין איז געבליבן צווישן די ווענט פון ישיבה. נאך די דברי-חיזוק וואס ער האט געליינט אין אייער גליון, האט ער באשלאסן מקבל זיין אויף זיך צו זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא, און טאקע נאך א קורצע צייט האט ער זוכה געווען צו ווערן א חתן. ער האט זיך אויך איבערגעצייגט צו זען קלאר און אפן מיט זיינע אויגן אז ער האט צו דעם זוכה געווען אדאנק די קבלה, ווען איינער פון די ברודער פון די כלה האט אים געזאגט, אז ווען ער האט אים געזען אין איינע פון די שבתים צוגיין צו איינעם און זאגן פאר יענעם די ברכות השחר, איז עס אים געפעלן, און ער האט צורעדט זיין טאטן צו טון די שידוך.

דער פריינד האט מיך געבעטן אפשרייבן דער בריוו צו די מערכת פון די גליון, כדי צו מחזק זיין די וואס דארפן חיזוק, און האט אויך צוגעלייגט א רמז אויף דעם: דער 'בני יששכר' שרייבט אין זיין ספר 'אגרא דפרקא' (אות סג): "יעדער וואס זאגט די קאפיטל 'שיר למעלות אשא עיני אל ההרים מאין יבא עזרי' אין סוף שמונה עשרה, פארן אויסטרעטען די דריי טריט, וועט מען אים צושיקן זיין ריכטיגע זיווג". און יעדער וואס טראכט אריין וועט זען אז אין דער קאפיטל ליגט א בקשה זוכה זיין צו א 'עזר כנגדו'. דער וואס פארטיפט זיך וועט באמערקן אז די סופי תיבות: "ההרים מאין יבוא" זענען 'אמן', פון דא לערנט מען אז דער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן אמן וועט אין גיכן זוכה זיין צו א 'עזר כנגדו'.

נאך א זאך, מיר טרעפן אז די חז"ל ווען זיי דרש'ענען די פסוקים אויף ברכות און אמן גייען זיי אויף די וועג פון: "אל תקרי" ["אל תקרי מה אלא מאה"; "אל תקרי "שמר אמנים" אלא שאומרים אמן"]. און אפשר קען מען דא אויך דרש'ענען אויף דעם זעלבן וועג פון 'אל תקרי': אל תקרי "מאין יבוא עזרי" אלא "מאמן יבוא עזרי".

ברכת ה' עליכם. תחזקנה ידיכם.

**נ.ר.ק. - גלילות ירושלים ת"ו**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דער אוהל אויפן קבר פונעם בני יששכר אין שטאט דינוב

### 'בני יששכר'
### י"ח טבת תר"א

הרה"ק רבי צבי אלימלך שפירא איז געבוירן געווארן אין דארף יאווערניק אין גאליציע צו זיין פאטער רבי פסח וואס איז געווען א מלמד תשב"ר. זיין מוטער איז געווען די פלימעניצע פון רבי ר' אלימלך פון ליזענסק, און לויט זיינע ווערטער האט מען א נאמען געגעבן פאר דאס קינד 'אלימלך' נאך אים ווען ער האט נאך געלעבט, אלס א סגולה אויף אריכות ימים, דערנאך וואס אירע פריערדיגע קינדער זענען נפטר געווארן יונגערהייט.

ער האט זיך געוויקט ביים חוזה מלובלין, און ביים רבי'ן ר' מנחם מענדל מרימנוב, און נאך זייער פטירה איז ער געפארן צום קאזניצער מגיד און צום 'אוהב ישראל'. ער האט געדינט ברבנות אין אסאך שטעט. אין יאר תקפ"ט איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב פון שטאט דינוב, וואו ער האט משמש געווען ברבנות ביז צו די טאג פון זיין הסתלקות י"ח טבת תר"א, און דארט איז מנוחת קדשו.

דער רבי ר' הערש אלימלך האט מחבר געווען צענדליגער ספרים אין אלע חלקי התורה. אבער מיטן נאמען 'בני יששכר' ווערט ער אנגערופן, זינט זיין ערשטע דרוק אין יאר תר"ו איז עס ערשינען אין צענדליגער אויסגאבעס. דער ספר ענהאלט אין זיך מאמרים וואס זענען אויסגעשטעלט לויט די צוועלף חדשים פון יאר, ווען ער באציט זיך באזונדער צו אלע ימים טובים דורכ'ן יאר.

**אין זיין ספר "רגל ישרה" (מערכת א ערך אמן) שרייבט דער בעל 'בני יששכר' א לאנגער מאמר פול מיט טיפע רמזים און סודות אויף די געוואלדיגע מעלה פון ענטפערן אמן. דער מאמר הייבט ער מיט די פאלגנדע ווערטער:**

**"צוליב די גרויסקייט און די געוואלדיגע שכר פון ענטפערן אמן, און דער גרויסער שטראף פון די וואס פארהוילן זיך פון עס ענטפערן, וועל איך אביסל מאריך זיין אין דער לשון הזוהר. קומט מיינע ברידער, פלייסיגט זיך ביי די טויערן פון חכמה, און איך בין געקומען מיך צוזאמען מיט אייך מזכה זיין, און עס זאל זיין א מזכרת פאר מיר און פאר אייך".**

**צוליב דער טיפקייט פון דעם לאנגן ארטיקל, האבן מיר פון דעם מלקט געווען עטליכע פונקטן, וואס לערנען אונז איבער די מעלה פון ענטפערן אמן**

### ענטפערן אמן איז א נדר גדול

**די ווארט 'אמן' מיט איר מילוי [אל"ף מ"ם נו"ן] איז גימטריה צוויי הונדערט מיט זיבן און ניינציג, אזוי ווי די גימטריה פון די ווערטער 'נדר גדול', און אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות נא ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך".**

### ענטפערן אמן העלפט פאר אלעמען

די חכמים זאגן (תנד"א זוטא פ"כ) אז די פושעי ישראל וואס זענען געאורטיילט געווארן צו זין אין גהנום, וועט מען לעתיד לבוא עפענען פאר זיי די טויערן פון גן עדן אלס שכר פון ענטפערן אמן. א רמז אויף דעם ברענגט דער 'בני יששכר' פון דעם וואס די ווארט 'אמן' מיט איר מילוי איז ווי די גימטריה פון "זך" און "רע". דאס איז מרמז אז ענטפערן אמן העלפט נישט נאר פאר די צדיקים וואס זענען 'זכים' לויטער און ריין, נאר אויך פאר די רשעים.

### ענטפערן אמן איז מקרב די גאולה

"ענטפערן אמן איז מקרב די גאולה העתידה, אזוי ווי עס שטייט (עמוס ט יא -יב): "ביום ההוא אקים את סכת דויד הנפלת... **נאם** ה'", נאם איז אותיות אמן.